## קאַפּיטל צוואַנציק

1 וואָרום דאָס מלכות־השמים איז גלייַך צו אַ מענטשן,
אַ בעל־הבית, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען זייער פֿרי
2 צו דינגען אַרבעטער פֿאַר זייַן ווייַנגאָרטן. און נאָך
דעם ווי ער האָט מסכּים געווען מיט די אַרבעטער
פֿאַר אַ דינר דעם טאָג, האָט ער זיי געשיקט אין
3 זייַן ווייַנגאָרטן אַרייַן. און ער איז אַרויסגעגאַנגען
אַרום דער דריטער שעה, און האָט געזען אַנדערע
4 שטיין אויפֿן מאַרק ליידיק; און האָט צו יענע געזאָגט:
גייט איר אויך אין ווייַנגאָרטן אַרייַן, און וואָס איז
5 רעכט, וועל איך אייַך געבן! און זיי זענען געגאַנגען.
און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען אַרום דער
זעקסטער און נייַנטער שעה, און האָט דאָס זעלביקע
6 געטון. און אַרום דער עלפטער שעה איז ער
אַרויסגעגאַנגען, און האָט געפֿונען אַנדערע שטיין
און זאָגט צו זיי: וואָס שטייט איר דאָ ליידיק דעם
7 גאַנצן טאָג? זאָגן זיי צו אים: ווייַל קיינער האָט
אונדז נישט געדונגען: זאָגט ער צו זיי: גייט איר
8 אויך אין ווייַנגאָרטן אַרייַן. און ווען עס איז געוואָרן
אָוונט, זאָגט דער האַר פֿון דעם ווייַנגאָרטן צו זייַן
אַפּוטרופּוס: רוף די אַרבעטער, און צאָל אויס דעם
לוין, אָנהייבנדיק פֿון די לעצטע ביז צו די ערשטע.
9 און עס זענען געקומען די, וואָס זענען געדונגען
געוואָרן אַרום דער עלפטער שעה, און האָבן
10 באַקומען יעדער איין דינר. און ווען די ערשטע
זענען געקומען, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי וועלן
באַקומען מער; און זיי אַליין האָבן אויך באַקומען
11 יעדער איין דינר. און ווען זיי האָבן עס גענומען,
12 האָבן זיי געמורמלט אויף דעם בעל־הבית, אַזוי צו
זאָגן: די דאָזיקע לעצטע האָבן געאַרבעט נאָר איין